מ. ארנשטיין.

# צוריק נאך ציון

## דער באזעלער קאנגרעס

ווארשא
דרוק אונד אויפלאגע פון
א. בוימריטטער דזיקא 44
תרנח.

פרייז 15 קאפ׳

VIII
1942/1379

# צוּריק נַאךְ צִיוֹן

דער

## בַּאזֶעלֶער קָאנְגְרֶעס

אַ בְּרָשְׁוּרֶע וֶועגֶין „צִיָאנִיזְם״

פון

**מ. אַרנשטיין**

**וואַרשא**

דרוק אונד אויפלאַגע פון א. בוימריטטער, דזיקא 44

תרנח

**БАЗЕЛЕЙСКІЙ КОНГРЕСЪ**

*соч. М. АРНШТЕЙНА*

Типо-лит. Ф. Баумриттера Дикая 44.

ВАРШАВА 1898.

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1942:1379
4-VIII A
7143

Дозволено Цензурою Варшава 9 Декабря 1897 г.

# I.

נָאךְ בַּאזֶעל הָאט מֶען צוּזַאמֶען גֶערוּפֶען אַ קָאנְגְרֶעס (פֿערזאַמלונג) .

מֶען הָאט פַאר דֶעם יוּד גֶעקְלֶערְט , פְּרָאיֶעקְטִירְט , אוּנ אָפְּגֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ , אוּנ אַייךְ הָאט מֶען נָאר נִישְׁט פַארְצֵיילְט פוּן דֶעם , גְלַייךְ עֶס גֵייט אַייךְ גָאר נִישְׁט אָן , וֶוער עֶס קֶען קַיין צַייטוּנְג לֶעזֶען , וֶוער עֶס פַאר שְׁטֵייט נִישְׁט דִיא לַאנְד שְׁפְּרַאכֶע , דֶער דַארְף גאָר נִישְׁט ווִיסֶען וָואס אִין כְּלַל יִשְׂרָאֵל גֵייט פָאר ... זָאל עֶר הֶערִין פֶערְשִׁידֶענֶע בָּבָא מַעֲשׂוֹת אוֹיף דֶעם טֶעמַאט פוּן קָאנְגְרֶעס , זָאל עֶר הֶערִין דָאס אֵיינֶענֶע 17 מָאהל עֶרְצֶעהלֶען אוּנ יֶעדֶעס מָאהל אַנְדֶערְשׁ , דִיא וַואהְרְהֵייט דַארְף עֶר נִישְׁט ווִיסֶען !..

— נֵיין בְּרוּדֶער ! אִיהְר דַארְפְט אוֹיךְ ווִיסֶען פוּן אַלֶעס גְלַייךְ מִיט אַייעֶרֶע גֶעבִּילְדֶעטֶע בְּרוּדֶער , דַארוּם הֶערְט — אִיךְ וֶועל דָאס אַייךְ אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן עֶרְצֶעהלֶען :

„תְּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל לְחֵרוּתֵינוּ !“ — בֶּעט אִיהְר דְרַייא מָאהְל יֶעדֶען טָאג אוּנ אִיהר הָאט זִיךְ שׁוֹין צוּ דֶעם אַזוֹי צוּ גֶעווֶעהְנְט , אַז אִיהר הָאט שׁוֹין נָאר נִישְׁט אִין זִינֶען וָואס אִיהר רֶעדְט , נָאר אֵיין מָאהְל אִין יָאהר , וֶוען דֶער שׁוֹפָר גִיט אַ סִיגְנַאל אַז דֶער טָאג יוֹם כִּפּוּר אִיז גֶעעֶנְדִיגְט — שְׁרַייט אִיהר אוֹיס עֶרְנְסְט : „לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלָיִם !“

„דוּא טְהוּא — אוּנ אִיךְ וֶועל דִיר צוּ הֶעלְפִין“ — אַזוֹי זָאגְט

גָאטט, בֶּעטִין אָבֶער, זָאגַאר שׁוֹפָר בְּלָאזֶען, הֵייסְט נָאךְ אַלֶץ נִישְׁט גֶעטהוּן... טְהוּן דַארְף מֶען!

*) „פוּן זִיצֶען אוּנ וַוארְטֶען קֶען גָאר נִישְׁט גֶעשֶׁעהֶען,
קֵיין זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט, וֶוערְט נִישְׁט פָאן זִיךְ אַלֵיין,
אִין מִצְרַיִם וָואלְטִין אֵייבִּיג גֶעבְּלִיבֶּען אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אֲבוֹתֵינוּ,
וֶוען מִיט גֶעוּוַאלְד זָאל זֵיי נִישׁ נִיוֶועהן אַרוֹיס שְׁלֶעפִּין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ",

דָאס פַאר שְׁטֵייט הַיינְט דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט, דָאס פַאר שְׁטֵייעֶן אוֹיךְ אוּנְזֶערֶע מֶעהר צִוִוילִיזִירְטֶע בְּרוּדֶער, אוּנ דֶערְפַאר הָאבֶּען זֵייא טַאקֶע שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבֶּען טְהוּעֶן.

דֶעם 29-טֶען אוֹיגוּסְט 1897-טֶען יָאהר אִיז גֶעעֶפֶענְט גֶעוָוארֶען דֶער קָאנְגְרֶעס אִין בַּאזֶעל (אִין דֶער שְׁוֵוייץ), 200 פָּאהר־שְׁטֶעהֶער פוּן פֶערְשִׁידֶענֶע גֶעזֶעלְשַׁאפְטֶען חוֹבְבֵי צִיוֹן, פָאן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט הָאבֶּען זִיךְ דָא צוּזַאמֶען גֶענוּמֶען, אוּם אַדוּרְךְ צוּ רֶעדִין וֶועגִין בֶּעזֶעצֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל יוּדִישֶׁע עֶרְד אַרְבֵּייטֶער.

צוּם עֶרְשְׁטֶען אֵיינִיגֶע וָוארְטֶען וֶועגֶען דִיא אִידֶעעֶ פָאן בֶּעזֶעצֶען פַּאלֶעסְטִינֶע מִיט יוּדֶען:

שׁוֹין זֶעהר לַאנְג וַוארְפְט מֶען אוּנְז יוּדֶען פָאר אַז מִיר הָאבֶּען פֵיינְד עֶרְד אַרְבֵּייט, אַז מִיר חַאפֶּען זִיךְ נָאר צוּם הַאנְדֶעל אִין פוּנ'ֶעם שְׁוֶועהר פַאר הָארֶעוֶועטֶען גְרָאשֶׁען אַנְטְלוֹיפֶען מִיר. אַז דִיזֶעס אִיז נִישְׁט וָואהר, הָאט מֶען פַאר אֵיינִיגֶע יָאהר קְלָאהר גֶעזֶעהֶען, וֶוען בַּארָאן הִירְשׁ הָאט פַאר יוּדֶען אִין אַרְגֶענְטִינֶע לַאנְד גֶעקוֹיפְט. פִיהל טוֹיזֶענְדֶער יוּדֶען הָאבֶּען זִיךְ דַאמַאלְס אַהִין אַלָאז גֶעטהוּן, נִישְׁט צוּ הַאנְדְלֶען דָארְט! נָאר

*) פָאן בר כּוֹכבא—גאלדפאדענס

דוקא ערד צו בעארבייטען, אויס ארבייטען פיר זיך אן איינענעס ווינקעל, אנ'אייגענע היים, וויא זייא זאלען זיין נישט קיין איינגע-בעטענע געסט—נאר בעלי בתים.. ליידער אבער איז פון דעם גרויסען וואלקען א גאנץ קליינער רעגען געווארען. נאר דיזעס איז נישט דער שולד פאן אלע יודען, זאנדערען פון די מענטשען, וואס האבען געמיינט אז עס איז גענוג צו קויפען א שטיק ליים! אונ פון דעם ליים וועט שוין זעלבסט ווערען א פיגור, גיין. פון זיך זעלבסט ווערט נאר נישט. א מייסטער האנד, מיט פערשידענע געצייגע קאנען נאר מאכען פון דעם ליים א פיגור.

יעדען פאלס זענין מיר פון דעם פאקט געוואר געווארען, אז יודען קאנען אויך ערד ארבייטער ווערין, אונ האבען לוסט דאצו.

דיא אידעע פון גרינדען קאלאניען אין פאלעסטינע, לעבט פאן אייביג אן בייא יודען, קיין ארץ ישראל וויל יעדער פאן אונז, וויא פיהל יודען האבען שוין פאר קויפט זייער לעצט ביסעל פארמעגען אונ זענען א הין געפארין, צו בעארבייטען די ערד, אויף וועלכע אונזערע גרויסע אורעלטערען האבען גיטרעטין, אטעמען די לופט וואס האט אמאהל מיט קטורת געשמעקט.

— חאטש שטארבען אויף דעם הייליגען ארט! — בעטען זעהר פיהל. טויזענדער יאהרען גלות, טויזענדער יאהרען יאנעניש, פון איין ארט אין צווייטען, זענען נישט אין שטאנד געוועזען אויס צו לעשען דיא ליבע צו אונזער לאנד. אימער בענגען מיר א הין! אונ א פאלק וואס בעזיצט זויא איין פאטריאטיש בענגעניש האט נאך פאר זיך א גרויסען צוקונפט...

ביז יעצט איז נאך די עמיגראציע קיין פאלעסטינע, דורך

פיהל אורזאכען זעהר קליין געווען . וואס מאכען דען אוים איינינע קאלאניען . אויב וואהל זיי זענען גאנץ שיינע אונ גרויסע ? עס זעהט אוים וויא מען וואלט זיך א היין צריין גענאנב'ט . אונ דאס ווילען יעצט די ציאניסטען איבער מאכען . נישט איינינע, נאר הונדערטע – זאנאר טויזענדער יודישע קאלאניען דארפען זיך געפינען אין פאלעסטינע ! נישט עמיגראנטען , נישט אורחים זאלען יודען דארט זיין – זאנדערען בירגער .

בירגער געשיצט פאן דיא רעגירונג , פאן איינענע פאר־שטעלער אין הויף ביים סולטאן . מיט איין ווארט ; ארץ ישראל דארף זיין א יודישער צענטראהל פונקט , עס זאל הייסען א יודישע היים .

אונד ווייטער וועט מען שוין זעהען ....

## II.

צו דעם ציהל , – האבען די ציאניסטען אויף דעם קאנגרעס בעשטעטיגט – דארף מען איינקויפען אין פאלעסטינע פיהל ערד , אונ דארט צו בעזעצען יודישע ערד ארבייטער , אויך אנדערע האנד ווערקער (בעלי מלאכות) .

– אונ פאר וואס זאל דאס וועלין טירקייא אריין נעמען אזוי פיהל יודען קיין פאלעסטינע ? – וועט געווים נישט איינער פאן אייך לעזער פרעגין .

אויף דעם איז דא פיהל בערעכנונגען פאר וועלכען דיא יודישע קאלאניזאציע לוינט פאר דער טירקעשען רעגירונג .

ערשטענס נעמען זיך אונטער דיא ציאניסטען דער פאר צו

בעצאהלען די טירקעשע לאנד–חובות, צווייטענס ווילען זיי מאכען
פון פאלעסטינע א גרויס האנדעלס לאנד, אונ דורך דעם וועט
געוועהנליך פאר בעסערט ווערען, דער מאטעריאלישער צושטאנד
פאן די טירקישע בירגער וואס זענען יעצט פאר ארעמט, ווידער
וואס קאן דען זייא דאס האַרען? ערד איז דא אין די אזיאטישע
טירקייא איבער גענוג, אונ בעדייטענד מעהר וויא אין עאראפא;
ווייל לויט סטאטיסטיקע. וואהנען אין עראפא 84 פערזאהן אויף
א קוואדראט קילאמעטער, אין דיא אזיאטישע פראווינצען
אין טירקייא – וואהנען קוים 9 פערזאהן. –

צו דעם אלעמען אבער דארף מען האבין געלד, אונ דא
האבען נישט דיא ציאניסטען קיין פראקטישע פלענער:

נישט צו די יודישע מיליאנערין. ווילען זיי זיך נאך דעם
געלד ווענדין, אויב וואהל די זענען קיין מאהל נישט קארג, ווען
עס געהט וועגען א פאטריאטישען ציל. פון די יודישע מיליא-
נערין האלטין די ציאניסטען גאר וועהניג, דאפיר וואס זיי סטארען
זיך ווי ווייט מעגליך פון כלל יודען זיך צו ערווייטערען, אונד
אויבוואהל זיי געבין אפט גרויסע סומען פאר יודישע געברויכען,
הייסט עס נאר פאר זיי וויא א ביין געווארפען. איך וואלט גאר
נישט געהאט דאגעגען דיזער מיינונג, ווען די ציאניסטען וואלטען
אוים געזוכט בעסערע אונ פראקטישערע פלענער. זייא האבען
אבער קיין בעסערעס נישט געפונען. איינע פון זייערע בעסטע
פראיעקטין איז שוין דער. דאס יעדער יוד (ווען דיא רעגירונג ווירד
ערלויבען) זאל צאהלען א מארקע א יאהר אויף דיזען ציהל. אונ מיט
זויא אין ארט ווילען זייא צו זאמען נעהמען 250 מיליאהן מארק.

איך צְווייפֶעל צו די ציאָניסטֶען ווילֶען זיך דורך אויס הַאלטֶין נָאר בַּייא דֶעם פְּלַאן , נָאר דיזֶער איז כִּמְעַט אונמֶעגליך .

ציָאניזם הָאט וויא אַלֶע אַנְדֶערֶע אידעֶען פִּיהל גֶעגְנֶער , אונ די וֶועלֶען אויף זיכֶער נִישְׁט צָאהלֶען . איבֶּער הויפְּט יֶעדֶער וָואס וֶועט נִישְׁט וֶועלֶען צָאהלין , וֶועט ווערִין אַ גֶעגְנֶער פָאן ציָאניזם . . .

דֶער גֶעדַאנְק פון דיזֶען פְּרָאיֶעקְט איז זָאגַאר זֶעהר שֶׁעהן ; יֶעדֶער יוד דַארְף פַאר זַיין פָאלְק עֶטְוַואס טְהון . יֶעדֶער יוד איז פֶּערְפְּלִיכְטֶעט צו לֵייגֶען אַ צִיגֶעל צו דֶעם בִּנְיָן פַאר דֶעם יודֶענ־טְהום , דַאריבֶּער דַארְף יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער צו צָאהלֶען . דיזֶעס איז אָבֶּער זֶעהר שְׁווֶעהר , כִּמְעַט אונְמֶעגליך ; דָאס צו זַאמֶען נֶעהמֶען גֶעלְד אויף זָא אַיין אַרְט וֶועט זֶעהר פִיל מִיהֶע אונ אויך צַייט קָאסְטִין .

עֶס איז אָבֶּער דָא אויסֶער דֶעם נָאך פִיהל שְׁווֶערֶע קֵייט . נִישְׁט אַלֶע וֶועל איך יֶעצְט אויס רֶעכִינֶען נָאר אויף דֶעם עֶרְשְׁטֶען פְּלַאן שְׁטֶעהְט די פְרַאגֶע : צו דֶער סולְטַאן וֶועט אַיינְווילִיגֶען אויף דֶעם פְּרָאגְרַאם פָאן די ציָאניסְטֶען . אויבְּוָואהל , וויא איך הָאבּ שוין אויבֶּען גֶעזָאגְט , איז דָאס בֶּעזֶעצונְג פָאן פַּאלֶעסְטִינָע מִיט יודֶען־ פַאר טִירְקַייא נָאר אַ טובָה , דֶער סולְטַאן קָאן אָבֶּער אַנֶדֶערְשׁ די זַאכֶע בֶּערֶעכֶענֶען . דָאס איז אֵיינְס פון דיא גְרֶעסְטֶע פָּאלִיטִישֶׁע שְׁווֶערֶעקֵייטִין . צו דָאס אַלֶעס וֶועט זיך לָאזֶען אַ זויא עֶנְדִיגֶען , וויא עֶס זָאל זַיין פַאר יודֶען בֶּעסֶער — וֶועט שוין די צוקונְפְט וַוייזֶען .

דער ווייל קענען מיר נישט זאגען קיין שלעכטע, אויך קיין גוטע נביאות.

האבען מיר געדולד!

Ex bibl. univ. Tart.

## III.

ציאניזם איז א מין נייער משה, וואס וועט אונז פון דעם דריטען גלות אויס לייזען, אונ אבוואהל דער דריטער גלות איז נאך נישט דער ערגסטער, יעדאך איז דער ציאניזם דיא בעסטע אנטוואורט אויף דיא אייביגע יודען פראגע.

ביז יעצט האבען מיר געגלייבט אין אסימילאציע, *) יעצט אבער זעהען מיר אז אסימילאציע פארצעהרט דאס יודענ־טהום.

— מי לה' אלי! — שרייט אויס דער ציאניזם — צו מיר יודען! נישט פאר קיין א סימילירטע, נאר פאר וואהרע יודען וויל איך אייך מאכען. נישט קיין פארשטעלטע, פאר מאסקירטע ציעלען וועל איך אייך געבין, נאר וואהרע, הייסע פאטרעאטישע ציעלען: צו אייער טאטען א היים קומט!.. צוריק נאך ציון!..

א גרויס ארטיגער ציעל!

עס איז יעדען ערלויבט צו גיין אין דעם וועג וויא ער וויל. געוועהנליך ווען דיזער וועג איז נישט פאן דער רעגירונג פארווערט.

*) אסימילאציע — צו זאמען מישונג, ד"ה יודען זאלען זיך צו זאמען מישען מיט קריסטען,

אסימילאציע איז אויך א וועג , זאנאר נישט פאר שטערט דורך קיין קאדעקס . וויא אהין פירט אבער דער וועג ? א דאס איז א פראגע . . .

צו די אסימילאציאן האט פיהל נוצען געבּרענגט פיר דאס יודענטהום ? אדער זיא וועט נאך א מאהל נוצען האבען פון איהר ? שפירען דען דיא א סימילירטע יודען , אלס א גליד פון יודישען קערפער , די שמערצין פון דעם קערפער זעלבּסט ? אויף דיא אלע פראגען איז נאר דא איין אנטווארט — נ י י ן !

איבּעריגענס איז דא וועגען דעם זעהר פיהל צו רעדין , ס'קאנען אויך זיין אנדערע מיינונגען , דא איז אבער נישט דאס ארט דער פון , נישט וועגען אסימילאציע , נאר וועגען ציאניזם דארף איך דא רעדען . וואלט די א סימילאציע נישט געווען איינע פון די גרעסטע געגענער פון ציאניזם , וואלט איך וועגען דעם גאר נישט אן געהויבּען צו שמועסען דאפאן , נור יעצט גייען מיר שוין צוריק צו אונזער זאך .

## *IV.*

די ציאניסטען פאר שטייען גרינגדליך וואס זיי גייען מאכען , און זייא ווייסען וועלכע בעשווערעקייטען עס קען זיי דא טרעפין . אין פיעל גענענשטענדע פארלירען זייא דאך דאס פראקטישע קאלטבּלוטיגקייט און רעדען מעהר פון פאטריאטישע היץ , וויא פון פראקטישע געדאנקען . נור ווייל דאס זענען מערסטענטהייל

מענשען וואס זייא שטייען הויך אין די ציוויליזירטע וועלט, זענען מיר זיכער דאס זייא וועלען זייער ציעל ערדייכען, וויא ווייט עס וועט נאר מעגליך זיין.

— נישט מיט געהיימע וועגען, וועלכע זענען נישט ערלויבט פאן די רעגירונגען, ווילען מיר דורך ברענגען אונזער גרויסע אידעע" — א זויא האט געזאגט דער גערימהטער פובליציסט דאקטאר הירצעל. דער פרעזעס פון דעם לעצטען ציאנישען קאנגרעס — "אויפען באהר ווילען מיר אלעס מאכען, אלע רעגי־רונגען דארפען איינווילינען און בעשטעטינען אונזער פראגראם, דאן וועלען מיר גיין צו אונזער ציעל מיט דעם וועג וואס איז יעדען ערלויבט צו גיין, אונזער וועג איז גלייך, און אונזער הילף איז בייא אונז אליין. א פאלק וואס איז נישט און שטאנד זיך זעלבסט צו העלפין — איז אויף אייביג פארלוירען!"

קיין אנדערער פראיעקט איז אונז נישט אום שטאנד צו געבין זא פיעל מוראלישע נוצען וויא ציאניזם. צוואהר דיזער איז דער שווערסטער צום אויס פיהרען, ער איז אבער א זיכערער גליק פאר דעם יודישען פאלק ווען ער וועט שוין אויסגעפיהרט זיין. דאס איז א מין דאך אויף דעם יודס קאפף, וואס וועט איהם אב היטען פון רעגען, פון האגיל און אויך פיעל פון אנטעסימיטישע שטיינער. ווער איז אין שטאנד צו בעצאהלין וואס זויא איין דאך איז ווערט? און ווער קאן דען צווייפלען צו א זיין שיצער איז פאר אונז נעהטיג?

די אַלֶע וָואס דֶענְקֶען אַז די יֶעצְטִינֶע יוּדִישֶׁע לַאגֶע איז שׁוֹין אִין צוּ פְּרִידֶענֶעם צוּ שְׁטַאנְד, די הָאבֶּען אַ גְרוֹיסֶען אִירְטוּם. צְוַואר עֶס אִיז שׁוֹין הַיינְט בֶּעדֵייטֶענְד בֶּעסֶער ווִיא פְּרִיהֶער, דֶער 19-טער יָאהר הוּנְדֶערְט הָאט אָבֶּער גְרֶעסֶערֶע שְׁטְרֶעבּוּנְגֶען אוּנ גְרֶעסֶערֶע פֶּערְלַאנְגֶען ווִיא דִיא פְּרִיעֶרְדִיגֶע צַייטֶען. וֶוען דִיא פֶּענְצְטֶער פוּן דִיא צִוִויליִזַאצְיֶע אִיז שׁוֹין אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אָפֶּען, אִין דִיא שְׁטְרַאלֶען פָאן אַלְגֶעמֵיינֶע מֶענְטשֶׁען־גְלַייכְהֵייט הֶערְשֶׁען שׁוֹין אִיבֶּערַראהל, אִיז דֶעם יוּד אוֹיךְ דוּשְׁנֶע אִין זַיין וָואהנוּנְג, אוֹיבּ וָואהל פְּרִיהֶער אִיז עֶר נָאר גֶעלֶעגִין אִין קֶעלֶער...

פַארְגְלַייכֶענְדִיג דִיא יוּדִישֶׁע פַארמֶעגְלִיכֶע אִין גֵייסְטְלֶעכֶע לַאגֶע, מִיט אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער, שְׁטֶעלְט זִיךְ דֶער יוּדִישֶׁער צוּשְׁטַאנְד גְרָאזַאם פָאר.

הֶערְט וָואס מַאקְס נָארְדוֹי. דֶער גֶערִיהמְטֶער דֶענְקֶער, אֵיינֶער פָאן דִיא גְרֶעסְטֶע דֵייטְשֶׁע שְׁרַייבֶּער אִין פּוּבְּלִיצִיסְט (אַ גֶעבּוֹירֶענֶער יוּד אוֹיס פּוֹילֶען):

— אוּמֶעטוּם ווִיא עֶס וָואהְנֶען נָאר מֶעהר יוּדֶען — זָאגְט עֶר אִין זַיין רֶעדֶע אוֹיף דֶעם קָאנְגְרֶעס — הֶערְשְׁט אַ יוּדִישֶׁע אָרִימְקֵייט *) נִישְׁט קַיין גֶעווֶעהנְלִיכֶע, אַלְגֶעמֵיינֶע אָרִימְקֵייט וָואס קָאן הֶערְשֶׁען בַּייא אַלֶע אַנְדֶערֶע פֶעלְקֶער. דִיא נוֹיט לֵיידֶעט דֶער יוּד נִישְׁט אַלְס מֶענְטשׁ, נָאר אַלְס יוּד; וֶוען עֶר

(* Izraelita № 37—97 r.

וואָלט זיך בּעפרייט פון דעם יודישען נאָמען, וואָלט ער אין איינעם פון דיא נויט אויך בּעפרייט געוואָרען.

– דיזע אָרעמקייט איז טאָפּעלט :– זאָגט ווייטער נאָרדוי– מאַטרעיעליש (פּאַרמעגליך) אין גייסטליך. אין ראָמאַניע וויא עס וואָהנען איין פערטיל מיליאָן יודען האָבּען זייא נישט קיין בּירגער רעכט, פיעל מאָהל געשעהט דאָרט גרויסע יודען – מאָרדען, פיר וועלכע דיא מערדער ווערען גאַנץ ווייניג בּעשטראָפט. מיט איין וואָרט; יודען זענען דאָרט אונטער– וואָרפען דעם ווילדען פּראָסטען נאַראָד, וועלכער גיסט אויף זייא אויס זיין ווילדהייט ווען עס גליסט זיך איהם נור.

דאָקטאָר ליפּפּע, דער דעלעגאַט אויף דעם קאָנגרעס פאָן דיא ראָמאַנישע יודען, ערצעהלט אַז אין ראָמאַניע איז דאָ 125,000 יודען וואָס האָבּען קיין לעבּענסמיטעל.

נישט בּעניידענסווערדיג איז אויך דיא לאַגע פאָן דיא יודען אין גאַליציע. דער גאַליציאַנער דעלעגאַט דאָקטאָר סאַלץ, גיבּט אויף זייער צאָהל אַ ערך 772,000 מאַן, אין דיא צאָהל איז דאָ 70 פּראָצענט וואָס ציהען אויס דיא האַנד נאָך הילף.

אין אייסטרייך וויא עס וואָהנען 400,000 יודען קאָמט אויס אויף יעדע 25,000 פאַמיליען 15,000, – וואָס קאָנען דורך זייער אָרימקייט דעם שטאָדט פּאָדאַטעק נישט צאָהלען, פאָן דיא איבּעריגע 10,000 זענען 90 פּראָצענט גערעכינט צו דיא

אָרִימְסְטֶע אוּנ זֵייא צָאהלֶען דוּרְךְ דֶעם דיא שְׁטָאדט דֶעם קְלֶענְסְטֶען פָּאדַאטֶעק .

וָואס מַאכֶען דֶען אוּים בַּייא דֶעם דִיא נֶעצֵייְלְטֶע מִילְיָא־נֶערִין , וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ צְווִישֶׁען יוּדֶען ! וָואס מַאכֶען זֵייא אוּים אִין דֶעם יַם פוּן אָרֶעמְקֵייט אוּנְד בֶּעטֶעל !

דִיא אֵייסְטְרֵייכִישֶׁע גֶעזֶעצֶע מַאכְט זָאגַאר נִישְׁט קֵיין אוּנְטֶערְשִׁיד צְווִישֶׁען יוּדֶען אוּנְד קְרִיסְטֶען . דִיא אָבֶער , אִין וֶועלְכֶע עֶס אִיז גֶעוֶוענְט אַז דִיא גֶעזֶעצֶע זָאל עֶרְפִילְט וֶוערֶען , קוּקֶען גָאר נִישְׁט אוּיף דֶעם אוּנ זֵייא טְהוּן וְויא עֶס גֶעפֶעלְט זֵייא . מִיט אֵיין וָוארְט ; דָאס גֶעזֶעץ בְּלַייבְּט זִיךְ גֶעזֶעץ , נוּר אוּיף פַּאפִּיר , פוּן דָארְט מֶעקְט עֶס קֵיינֶער נִישְׁט אָפּ .

אִין בּוּקָאווִינֶע (אִין בּוּלְגַארְיֶע) , אִיז דֶעם יוּד מִיט בִּירְגֶער רֶעכְט – אוּיף פַּאפִּיר , אַזוֹי שְׁלֶעכְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין אִין גַאנְצֶען זַיין הָאפְנוּנְג פַארלוּירֶען אוּיף בֶּעסֶערֶע צַייטֶען .

אִין אוּנְגַארֶען אִיז דֶעם יוּד נִישְׁט צוּם עֶרְגְסְטֶען , דָארְט הָאבֶען זֵיי פָּאלְלֶע בִּירְגֶער רֶעכְט אוּנ אַרְבֵּייטֶען זִיךְ גוּט אוּים , אוּיךְ זֵייעֶר עֶקָאנָאמִישֶׁער צוּשְׁטַאנְד פַאר בֶּעסֶערְט זִיךְ אִימֶער . עֶס אִיז אָבֶער דָארְט אַ אַנְדֶערֶע צָרָה : דֶער אַנְטִיסִימִיטִיזְם הֶערְשְׁט דָארְט מִיט גְרוֹיסֶע מַאכְט .

דִיא מַארָאקַאנֶער 150,000 יוּדֶען , אוּיךְ דִיא פֶּערְסִישֶׁע יוּדֶען . פִירֶען אַ לֶעבִין וְויא דִיא הַיוֹת אִין וַואלְד ; יֶעדֶע מִינוּט

זענען זייא אונטער געוואָרפען אַז עס וועט זיך עמיצען גליסטען ,
אויף זייא אַ געיעג צו מאַכען ... אָפּט הערין מיר גרויזאַמע
נאַכריכט פאָן דיא גרויסע יודען – מאָרדען וואָס געשעהען
דאָרט .

אין ענגעלאַנד , אויך אין אַמעריקא איז דעם יוד גאָר
נישט שלעכט , דעם מעהרסטען טהייל פון יודישע מיליאָנערין
שטאַמען פון דאָרט . ווייל דאָרט איז ווערקליך נישט דאָ
קיין אונטערשיד צווישען יוד און קריסט ; דאָרט שעצט מען
דעם מענש לויט זיינע נוצען וואָס ער ברענגט דעם לאַנד .

מיר זענען זיכער אַז ווען דער ציאָניזם וועט זאָגאַר אין
גאַנצען זיין ציעל ערהייכען , אונד ווען פון פּאַלעסטינע וועט
ווערען אַ יודישע היים , וועלען דיא ענגעלישע יודען אויך
זייער יעצטיגעס לאַנד נישט פאַר לאָזען , איבער הויפּט איז דער
ציאָניזם נישט פאַר אַ זאָלכע יודען וואָס זענען צו פרידען פאָן
זייער יעצטיגע לאַגע , נור פאַר דיא וואָס זייא פינדען זיך אין
אונצופרידענע פערלעגענהייט , עס גיבען פיעל ערטער וויא
דער יוד איז איינגעבעטען , אונ מען גיט איהם אַלע ווייל'ע
אָן צו געהערען אַז ער איז דאָרט איבעריג . אָט , פון דיא
ערטער דאַרף דער יוד אַרויס . דאַן , ווען אין פּאַלעסטינע
וועט שוין זיין אַ געהעריגע אַדמיניסטראַציע , אונ ווען דיא
רעגירונגען וועט זייא ערלויבעניש דאַרויף געבען . ביז דיא
צייט דאַרף מען זיך מיט געדאַנק נישט צו פיעל דעם קאָפּף

פַארְנֶעמֶען, אוּנ רוּהִיג, צוּ פְרֵידֶען זִיצֶען אוֹיף דֶעם אָרְט אוּנְד אִימֶער זִיךְ סְטַארֶען נוּצֶען בְּרֶענְגֶען, דֶעם לַאנְד וָואוּ מִיר וָואהנֶען.

פוּן דֶעם גַאנְצֶען צִיָאנִיזְם קֶען זִיךְ נָאךְ אַ רוּיךְ אוֹיס לָאזֶען. פוּן דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ דָא גֶעשְׁרִיבֶּען קֶענֶען זִיךְ דִיזֶע לֶעזֶער זֶעלְבְּסְט מֶערְקִירֶען, וִויא פִיעל מֶען קָאן אוֹיף צִיָאנִיזְם הָאפֶען.

# ע נ ד ע

---

וואַרשא דען 15-טען נאָוועמבער 1897 יאהר